# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת ראה תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 496



ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### אין הדבר תלוי אלא בך!

"וְכִי יִרְבֶּה מִמְּךָ הַדֶּרֶךְ כִּי לֹא תוּכַל שְׂאֵתוֹ כִּי יִרְחַק מִמְּךָ הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ה' אֱלֹקֶיךָ לָשׂוּם שְׁמוֹ שָׁם כִּי יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ" (יד כד)

טייטש רבי מרדכי הכהן פון צפת:

"כי ירחק...המקום" - אויב דו פיהלסט א געפיהל פון דערווייטערונג פון הקב"ה וואס ער איז 'מקומו של עולם', זאלסטו וויסן אז דער ווייטקייט קומט "ממך" פון דיר, און אין דיין שולד... ווייל פון זיין זייט איז דאך "קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו" (תהלים קמה יח), און דער מענטש דורך זיינע מעשים טוהט ער באשטימען צי ער וועט בלייבן נאנט צום אויבערשטן אדער חלילה זיך דערווייטערן פון אים.

'שפתי כהן'

### 'ריחוק מקום' אדער 'ריחוק מהמקום'

"וְכִי יִרְבֶּה מִמְּךָ הַדֶּרֶךְ כִּי לֹא תוּכַל שְׂאֵתוֹ כִּי יִרְחַק מִמְּךָ הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ה' אֱלֹקֶיךָ לָשׂוּם שְׁמוֹ שָׁם כִּי יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ" (יד כד)

האט געטייטש רבי שלמה זלמן אונסדארפער מגיד מישרים אין פרעשבורג:

דער וואס פארמיידט זיך פון דאווענען אין שוהל מיטן תירוץ אז די וועג איז צי לאנג - "וְכִי יִרְבֶּה מִמְּךָ הַדֶּרֶךְ", אדער מיט די אויסרייד: "כִּי לֹא תוּכַל שְׂאֵתוֹ" - עס איז אים שווער צו קענען פארטראגן די גרודער און טומל וואס הערשט דארט, איז דאס א צייכן: "כִּי יִרְחַק מִמְּךָ הַמָּקוֹם" - אז ער האט זיך דערווייטערט פון הקב"ה און פון זיינע מצוות. די דאזיגע דערווייטערונג קומט אמאל פון דעם וואס איז איז מקויים געווארן דער פסוק: "כִּי יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ" - מיט עשירות, און דורך דעם האט ער פארגעסן פונעם אויבערשטן, אזוי ווי עס שטייט (דברים לב טו): "וַיִּשְׁמַן יְשֻׁרוּן וַיִּבְעָט".

'שפתי שלמה'

### א תפילה וואס ראטעוועט פון 'דברים הרבה'

"לֹא תֹאכַל עָלָיו חָמֵץ שִׁבְעַת יָמִים תֹּאכַל עָלָיו מַצּוֹת לֶחֶם עֹנִי" (טז ג)

חז"ל דרש'ענען (פסחים לו א) אז די תורה רופט אן די מצה "לֶחֶם עֹנִי", ווייל דאס איז "לחם שעונין עליו דברים הרבה", ערקלערט רש"י: "שגומרים עליו את ההלל, ואומרים עליו הגדה".

דער דזשיקובער רבי, בעל 'אמרי נועם' לייגט צו און ערקלערט אז אין די דרשה פון חז"ל ליגט באהאלטן נאך א באדייט:

די גמרא (תענית ח ב) זאגט אז ווען עס קומט אויף דער וועלט א גזרה פון הונגער צוזאמען מיט א גזרה פון א מגפה, דארף מען נאר דאווענען אז די גזירה פון הונגער זאל בטל ווערן, ווייל אויב דער אויבערשטער וועט אננעמען די תפילה און וועט ברענגען א זעטיגקייט אויף דער וועלט, וועט ממילא אויך בטל ווערן די מגיפה, ווייל הקב"ה געבט נישט קיין זעטיגקייט נאר פאר לעבעדיגע, אזוי ווי עס שטייט (תהלים קמה טז): "פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון".

דער יסוד איז מרומז אין די אויבנדערמאנטע דרש פון חז"ל: ווען א מענטש דארף געהאלפן ווערן אין עטליכע זאכן, איז גענוג ער זאל דאווענען ער זאל געראטעוועט ווערן פון "לֶחֶם עֹנִי", און ממילא וועט ער געהאלפן ווערן און געראטעוועט ווערן פון "דברים הרבה".

'אמרי נועם' וארא

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### א ברכה אויפן קול – דאס אלעס!!!

אנהויב אונזער פרשה לייגען מיר דעם פסוק וואס טראגט אין זיך א חשובער כלל און א גרונד-שטיין פאר יעדער וואס וויל מקיים זיין די חיוב פון ברכות ווי עס דארף צו זיין, און דאס איז: "את הברכה - אשר תשמעו!", ד.מ.: א ברכה פון א איד דארף געהערט ווערן! די ווערטער זענען געהערט געווארן פונעם הייליגן 'דברי חיים' פון צאנז זי"ע, זאגנדיג מוסר פאר איינעם פון זיינע חסידים וואס האט געזאגט די ברכות השחר שטיל, אן מען זאל קענען ענטפערן נאך זיי אמן ('עטרת חיים' עמ' קג).

די חיוב פון זאגן די ברכה בקול רם איז פארשטענדליך און קלאר, ווייל דאס אליין איז די ציל פון די ברכה, מעורר זיין אמונה אין השי"ת'ס קעניגרייך אין די הערצער פון די צוהערהער, אזוי ווי מיר טרעפן אז אברהם אבינו האט אויסגעלערנט די מענטשן אין זיין דור זאלן גלייבן אינעם אויבערשטן דורך זאגן ברכות. מיר טרעפן אויך אז רבי יהודה החסיד אין 'ספר חסידים' (רנז) איז מחדש אז זאגן א ברכה הויעך אויפן קול ראטעוועט דעם מענטש פון איסור גזל. דאס איז אים אזוי אויסגעקומען ווייל דער וואס זאגט שטיל א ברכה גזל'ט פון ציבור די מצוה פון ענטפערן אמן.

מיט א ערשטע בליק, קוקט עס אויס זייער אינטערעסאנט; ווען האב איך גע'גזל'ט?! וואספארא שייכות האט א פרעמדער צו די ברכה וואס איך גיי יעצט זאגן, שטיל אדער אדער הויעך, דערנאך וואס די מאכל איז מיינס, און זאגן די ברכה איז מיין פליכט?

אבער לויט די פריערדיגע ווערטער קען מען גוט פארשטיין: מיט דעם וואס די תורה באטאנט: "את הברכה אשר תשמעון!", ווערן מיר געוואר אז די ברכה איז נישט די אייגענע קנין פון דער מברך, ווייל א חלק פון די חיוב איז עס צו זאגן אין די אויערן פון די צוהערהער זיי זאלן ענטפערן אמן.

די אויפרייסנדע חידוש פון רבי יהודה החסיד האט מיך ערוועקט אויף א שטארקן דעהער: די חכמים האבן דאך געזאגט (ברכות לה ב) אז דער וואס עסט אן קיין ברכה "כאילו גוזל לקב"ה ולכנסת ישראל", און לויט וואס מיר האבן פריער געזאגט קומט אויס אז נאר זאגן די ברכה אויפן קול וועט אונז אינגאנצן ראטעווען פון דער חשש. ווייל אויב ער וועט זאגן די ברכה שטיל, וועט נאך אלץ זיין א חשש פון גזל אויף די מצוה פון ענטפערן אמן פון כנסת ישראל. און מען דארף באטאנען אז עס רעדט זיך נישט נאר אויף גזל פון די מצוה זעלבסט, ווייל מיר אלע ווייסן וויפיל השפעות טובות איז זוכה דער וואס ענטפערט אמן, און דער וואס זאגט שטיל א ברכה גזל'ט די געוואלדיגע השפעות פון די וואס וואלטן געקענט זוכה זיין אין זיי.

מיר וועלן מקפיד זיין זאגן אלע ברכות - פון ברכות השחר ביז ענדע טאג - אויפן קול און אין די אויערן פון איינער וואס וועט ענטפערן אמן נאך זיי. אזוי וועלן מיר זוכה זיין זאגן די ברכה ווי עס דארף צו זיין, און אויך מזכה זיין די ארומיגע מיט די מצוה פון אמן און מיט פולע האפנ'ס ברכות וואס איז צוגעזאגט פאר די וואס ענטפערן.

**מיט א רוף "את הברכה אשר תשמעו"**

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# פתח ליבי בתורתך, באהבה...

אונזער געשיכטע רעדט זיך וועגן שלמה זלמן, א טייערער ישיבה-בחור, מיט גוטע מדות, א זון פון איינע פון די שיינע משפחות פון כלל ישראל, וועלכער האט זיך זייער געפלאגט אין די ישיבה יארן.

די גמרא וואס מען האט געלערנט אין ישיבה האט ער מצליח געווען צו פארשטיין אויף נאר נאך אסאך פלאגן און גרויסע שוועריגקייטן, אבער ווער רעדט פון תוספות און מפרשים, דאס האט ער אינגאנצן נישט געקענט לערנען און פארשטיין.

אבער די הויפט שוועריגקייט וואס האט פארטונקלט זיין הצלחה איז געווען אז אפילו דאס ביסל גמרא וואס ער האט ענדליך מצליח געווען צו פארשטיין, האט ער פארגעסן אין א קורצע צייט, און דאס האט זיך קלאר אנגעזעהן ביי די בחינות אין ישיבה, וואס האבן געברענגט שווארצע אויסצייכענונגען, אויב עפעס יא...

טראכט אריין אויף א בחור וואס פלאגט זיך און פלאגט זיך און ענדליך בלייבט ער מיט 'גארנישט' אין דער האנט... וויפיל מאטיוואציע וועט ער האבן צו ווייטער פרובירן?! פונקט אזוי איז געווען מיט שלמה זלמן, ער האט פרובירט מיט אלע זיינע כוחות, אבער איין דורכפאל נאכן צווייטן האבן צוקלאפט זיין גייסט און אים געברענגט צו א פארצווייפלונג.

די איבערגעגעבענע עלטערן, וואס האבן פרובירט ווי ווייט מעגליך צו באקומען פאר


דער סאטמאר'ער רבי
בעל 'דברי יואל' בשעת'ן דאווענען

זייער זון א פראפעסיאנעלע לעזונג, האבן בעיקר זיך פארלאזט אויף די כח פון תפילה. זיי האבן אויסגענוצט יעדע פרייע מינוט וואס זיי האבן געהאט צו דאווענען און אויסגיסן דאס הארץ אויף זייער זון, ער זאל גיין אויפן דרך המלך, און דאס האט אין זיי אריינגעגעבן כח צו קענען ווייטער האפן און גלייבן אין זיין הצלחה.

די ענדערונג איז פלוצלינג געשעהן.

יעדע מוצאי שבת קוקט איבער דער מגיד שיעור פון שלמה זלמן די בחינות פון די פארגאנגענע וואך. נאטורליך קוקט ער פריער איבער די בחינות פון די בחורים וואס וועלן אים ברענגען נחת. אויף די בחינות איז גענוג צו כאפן א קורצע בליק צו זען אז זיי זענען ווי געווענליך גוט געשריבן און זאגן עדות אויף די התמדה און כשרונות פון זייערע שרייבער. שפעטער פלעגט ער אריבערגיין אויף די בחינות פון די מער מיטלמעסיגע בחורים, וואו דארט האט זיך פארלאנגט פון אים מער מחשבה, זען צי זיי האבן געשריבן ריכטיג די תשובות, און קאמענטירן אויף די זייט פונעם בלאט וואס מען דארף קאמענטירן כדי צו העלפן און ווייזן די ריכטיגע וועג צו זייער הצלחה.

שלמה זלמנ'ס בחינה פלעגט ער איבערלאזן אויף די לעצטע. געווענליך איז דער בחינה געווען ליידיג און דערפאר איז עס נישט צוריקגעגעבן געווארן צו זיין בעל הבית, אבער אמאל אמאל פלעגט שלמה זלמן יא שרייבן עטליכע פון די תשובות, און אין אזעלכע פעלער האט דער מגיד שיעור אכטונג געגעבן זיך צו באציהען צו דעם מיט שעצונג. ער האט זייער גוט געוואוסט, וויפיל מי און פלאג לייגט שלמה זלמן אריין אין דעם, און ער האט געזוכט אויסדריקן זיין שעצונג.

אויך דאס מאל האט דער מגיד שיעור אינסטינקטיוו אוועקגעשטעלט די בחינה פון שלמה זלמן אויפן צום סוף. ווען ער האט געענדיגט דורכקוקן די איבעריגע בחינות, האט ער געגעבן א שווערע קרעכץ, געעפנט דעם איינגעקנייטשטן בלאט - שלמה זלמנ'ס בחינה, און א איבערראשונג'ס-געשריי איז ארויס פון זיין מויל...

אין די ערשטע מינוט האט ער זיך געקניפט די באקן אומגלויבליך, און אין די קומענדיגע מינוט האט ער נאכאמאל געקוקט אויפן נאמען וואס עס שטייט אויבן, אפשר איז דא געשעהן א טעות... ניין; דער נאמען שלמה זלמן איז געווען געשריבן אויף די בלאט פון די שאלות, און די בחינה אליין איז געווען געשריבן ברייט און קלאר, מיט זיין רונדיגע און באקאנטע שריפט - האט ער געשריבן אז עס איז נישט געווען קיין פלאץ פאר א טעות.

דערנאך וואס ער האט זיך אביסל בארואיגט, איז דער מגיד שיעור אריבער אויף די תשובות איינס נאכן צווייטן ווען ער פארלירט זיין אטעם. אומגלויבליך. די ענטפער'ס זענען אלע ריכטיג און קלאר, אראפ געשריבן מיט א קלארקייט און פארשטאנד. עס איז געווען קלאר אז דער שרייבער פון די ענטפער'ס קען זיך גוט אויס אין די גאנצע סוגיא, אין אלע אירע פרטים און פיטשיווקעס. בקיצור: א גוטע בחינה!

מיט התלהבות און שמחה האט דער מגיד שיעור גענומען זיין פעדער, און אנדערש ווי ביז יעצט ווען ער האט געדארפט אויסקלויבן זיינע ווערטער און גוט נאכקוקן וואס צו שרייבן אז עס זאל נישט זיין ווייט פון די מציאות, און פון דער צווייטער זייט נישט צוקלאפן דעם גייסט פון שלמה זלמן פון זיך ווייטער אנשטרענגען. דאס מאל האט זיין פעדער געשריבן אסאך לויב-ווערטער, באגייסטערונג און מוטיגונג.

נאך צוויי דריי וואכן, ווען די וואונדערליכע ערשיינונג חזר'ט זיך איבער, האט דער מגיד שיעור נישט געקענט איינהאלטן זיין נייגעריגקייט, ער האט געמוזט פארשטיין די סוד; צי עס האנדלט זיך פון א מעדיצין וואס דער בחור האט אנגעהויבן נעמען, אדער א ספעציעלע באהאנדלונג וואס די עלטערן האבן באשלאסן צו פרובירן.

ער האט אנגערופן שלמה זלמן'ס עלטערן און נאכדעם וואס ער האט אנגעפאנגען מיט פאסיגע שבחים, האט געזאגט אז ער וויל וויסן די באדייט פון דעם. די ענטפער פון די עלטערן האט אים שאקירט מיט איר פשוט'קייט. ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער וואס האט זוכה געווען אז די זכות זאל קומען דורך אים, איז ער אליין געווען:

דער טאטע האט דערמאנט דעם מגיד שיעור ווי אזוי מיט עטליכע וואכן צוריק האט ער עדות געזאגט פאר די בחורים וואס ער האט זוכה געווען צו זען אין זיינע יונגע יארן, ווי דער הייליגער סאטמארער רבי בעל 'דברי יואל' פלעגט פארגיסן טרערן ביי די תפילה פון 'אהבה רבה', און בפרט ביי די בקשה 'ותן בליבנו בינה להבין ולהשכיל'.

די ווערטער זענען אריין טיף אין די ריינע הארץ פון אונזער צדיק'ל, וועלכער שטרעבט מיטן גאנצן הארץ צו שטייגן אין תורה, און ער האט געוואלט גיין אויף די וועג פונעם דברי יואל. אבער וויבאלד ער האט מורא געהאט דאס צו טוהן אין די געגנווארט פון די בחורים, האט ער זיך אדורך גערעדט מיט זיין מאמע'ן, וואס האט אים געראטן צו אויפשטיין יעדן אינדערפרי' עטליכע מינוט פריער, און זאגן די תפילה 'אהבה רבה' אין שטוב אן קיין שם ומלכות, מיט טרערן און געוויין אזוי ווי ער האט געוואלט.

זיך פארלאזנדיג אויף זיין מאמע'ס עצה און מיט א שטארקן רצון צו מצליח זיין, איז דער בחור שוין אויפן אנדערן טאג אויפגעשטאנען פרי', און פון דעמאלטס פלעגט ער זיך יעדן אינדערפרי' שטעלן אין א זייטיגן ווינקל, מיט א סידור אין האנט, ווען ער גיסט אויס זיין הארץ מיט טרערן פארן מלך מלכי המלכים מיט די ווארימע תפילה: "ותן בליבנו בינה להבין ולהשכיל, לשמוע ללמוד וללמד... והאר עינינו בתורתך... למען לא נבוש ולא נכלם ולא נכשל לעולם ועד".

צוביסלעך האט זיך זיין הארץ געעפנט. זיינע שוואכע טאלאנטן האבן נישט געקענט שטיין אנטקעגן די אוצרות פון וויסנשאפט וואס זענען אויף אים ארויפגעגאסן געווארן פון הימל, וועלכע האבן ווי וואסער וואס צורייבן שטיינער אריין טיף אין זיין הארץ און אריינגעבלאזן אין אים קוראזש.

טראץ די טרויערדיגע פאראויסזעאונגען וואס אלע זיינע באקאנטע האבן געזאגט, האט דער בחור אנגעהויבן וואקסן און שטייגן, ביז ער איז געווארן איינער פון די בעסטע בחורים אין זיין ישיבה. און אלעס דורך די כח פון תפילה.

געהערט פון דער משפיע
הגה"צ רבי אלימלך בידערמאן שליט"א

פון די ווערטער פון אונזערע רבי'ס אויף ענטפערן אמן



**הגה"ח רבי חיים שמערלער שליט"א**
ראש ישיבת 'חיי תורה'

## ענטפערן אמן נאך א ברכה פון א קטן

אין דער ענין פון ענטפערן אמן נאך ברכות פון א קטן פסק'נט דער 'שלחן ערוך' (או"ח רטו ג): "והא דאין עונין אמן אחר תינוק, דווקא בשעה שלומד הברכות לפני רבו, אבל בשעה שהם מברכים לפטור את עצמם, **כיון דבני חינוך הם** עונים אחריהם אמן". פון די ווערטער איז מדייק דער 'פרי מגדים' אין זיין ספר 'ראש יוסף' (ברכות נג ב) אז מען ענטפערט אמן נאר נאך א ברכה פון א קטן שהגיע לגיל חינוך, אבער א קטן וואס איז נאכנישט הגיע לגיל חינוך ענטפערט מען נישט אמן נאך זיין ברכה, און זיינע ווערטער ווערן אראפגעברענגט אין 'משנה ברורה' (שם יז).

אבער פון דעסטוועגן האבן צדיקים מקפיד געווען, און אזוי פירט זיך דער וועלט ענטפערן אמן אויך נאך גאר קליינע קינדער וואס זאגן א ברכה. און אזוי האב איך געזעהן א מעשה רב ביי כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק בעל 'שפע חיים' מצאנז זי"ע (און אזוי פירט זיך זיין זוהן כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א) ווי זיין מנהג איז געווען צוטיילן פירות פאר קליינע קינדער אויך פאר גאר קליינע און זיי פלעגן זאגן א ברכה אנטקעגן אים, און ער האט געענטפערט נאך זיי אמן, און דאס איז געווען ביי אים א באזונדערע עבודת הקודש. איך געדענק איין שבת אין יאר תשמ"א וואו ער איז געליגן אין בעט ליידנדיג יסורים ה"י, און האט נישט געטיילט קיין שיריים פאר קיינעם פון די אנוועזנדע צוליב זיין שוואכקייט, אבער אויף טיילן די פירות פאר די קליינע קינדער האט ער נישט נאכגעגעבן, און איז געזיצן א לאנגע צייט און געענטפערט נאך זיי אמן.

אין ספר 'דרך משה' (ליום יא) דערציילט דער פריערדיגער מוכיח רבי משה כהנא פון גיביטש א ערציילונג אויפן בעל הלבושים, א ערציילונג וואס אויף דעם פירט ער אויס: "על כן אני הירא וחרד על דבר ה' יקרא מעשה זה פעם אחת בחודש". דאס איז די ערציילונג:

ווען די פוזנער קהילה האבן זיך געוואנדן צו רבי מרדכי יפה, בעל הלבושים און אים געבעטן ער זאל אננעמען די רבנות אין זייער שטאט, האט ער פריער געוואלט פארן קיין ווענציע לערנען 'חכמת העיבור' [=רעכענען די חדשים און יארן] פון דעם חכם רבי יצחק אבוהב וואס איז געווען בקי אין די חכמה.

רבי מרדכי איז געפארן קיין ווענציע, איין טאג לערנענדיג מיט רבי יצחק, איז דער קליינער זון פון רבי יצחק אריין אין צימער און געזאגט הויעך א ברכה. אלע אנוועזנדע האבן געענטפערט אמן, אויסער רבי מרדכי וואס האט זיך נישט געכאפט. רבי יצחק האט זיך אויפגערעגט אויף רבי מרדכי'ן און האט אים מנדה געווען. ווען רבי מרדכי האט געבעטן פון רבי יצחק ער זאל אים מוחל זיין און אראפנעמען די נדוי, האט ער אים געזאגט שטראף רייד אויף די הארבקייט פון זיך פארמיידן ענטפערן אמן אויף א ברכה.

און האט אים אויך דערציילט אז אין די פריערדיגע דורות איז געווען א מעשה מיט א חסיד וואס איז מחוייב געווארן טויט-שטראף אויף דעם וואס ער האט נישט געענטפערט אמן אויף די ברכה פון זיין זון. רבי יצחק האט אויסגעפירט: "דיין זינד וועט אינגאנצן פארגעבן ווערן פאר דיר אויב דו וועסט זיך אונטערנעמען אז אין יעדע פלאץ און קהילה וואו דו וועסט אנקומען וועסטו דרש'ענען אויף די גרויסע עבירה פון זיך פארמיידן פון ענטפערן אמן".

לייגט צו דער מוכיח רבי משה כהנא און דערציילט אז ווען ער איז אויפגענומען געווארן צו זיין 'מוכיח' אין עטליכע מדינות, האט אים זיין שווער געזאגט אז זייענדיג א אייניקל פונעם 'בעל הלבושים' וואס האט זיך אונטערגענומען דרש'ענען און מוסר זאגן איבער די חוב פון ענטפערן אמן, ליגט אויך אויף אים א חוב צו דרש'ענען אין אלע קהילות און אנווארענען די אידן אוף ענטפערן אמן.

צום באמערקונג: דער 'דרך משה' שרייבט, אז דער קליינער זון פון הרב אבוהב וואס האט געזאגט די ברכה איז געווען "ארום פינף יאר אלט", זעהט מען פון דעם ווי שטארק מען דארף אכטונג געבן צו ענטפערן אמן אויף ברכות פון קליינע קינדער.

## די מעלה פון ענטפערן אמן

די באקאנטע מימרא וואס לערנט אונז די געוואלדיגע מעלה פון ענטפערן אמן שטייט צוויי מאל אין גמרא; אין מסכת ברכות (נג ב) און אין מסכת נזיר (סו ב): "רבי יוסי אומר: 'גדול העונה אמן יותר מן המברך'.

אויף די גמרא וואונדערן זיך די ראשונים: לכאורה דער מברך איז דער וואס לויבט און דאנקט, און דער וואס ענטפערט אמן שטימט נאר צו צו זיינע רייד. פארוואס אויב אזוי זאגט רבי יוסי אז די מעלה פון דער עונה אמן איז גרעסער פונעם מברך?

דער רשב"א (שו"ת, ח"ה סי' נג) שרייבט אין דער ענין אזוי: "עס איז דא אין דעם א פארבארגענעם ענין, פאר די בעלי החכמה. אבער לויטן פשוט'ן פשט קען מען אזוי ערקלערן. דער לשון 'אמן' האט אין זיך א באדייט פון באשטעטיגן, אזוי ווי עס שטייט (דברים טז כז): 'ואמר כל העם אמן', און דער מברך, אין זיין לשון ליגט נאר א הודאה... וואס דער מברך איז מעורר אויף דעם, און דער וואס ענטפערט 'אמן' איז ווי איינער וואס ענדיגט אלעס".

די ווערטער פון די רשב"א אז דער מברך ערוועקט נאר און הייבט אן, און דער וואס ענטפערט אמן ענדיגט עס צו און באשטעטיגט, קען מען גוט פארשטיין לויט די ווערטער פון רבינו בחיי (שמות יד לא) וואס שטעלט צו זאגן א ברכה און ענטפערן אמן ווי א עדות; דער מברך אין זיין ברכה זאגט עדות אז הקב"ה איז דער מקור הברכה און מלך העולם, אבער ער איז נאר ווי א עד אחד אויף דעם. און די תורה האט דאך געזאגט (דברים יט טו): "על פי שני עדים... יקום דבר". אבער ווען דער וואס ענטפערט אמן שטעלט זיך צו צו זיין עדות, האבן מיר דא צוויי עדים. אזוי ווי די עדות וואס הייבט זיך אן מיט די ווערטער פונעם ערשטן עד איז נישט גילטיג און איז נישט באשטעטיגט נאר דורכ'ן צווייטן עד, אזוי אויך די ברכה ווערט נישט באשטעטיגט נאר מיט ענטפערן אמן, און דערפאר "גדול העונה אמן יותר מן המברך".

ענליך צו דעם אילוסטרירט דער 'כלי יקר' די געדאנק, צושטעלנדיג זאגן די ברכה צו שרייבן די שטר זעלבסט און ענטפערן אמן ווי די אונטערשריפט אויף דעם. טראץ אז דאס שרייבן ברענגט ארויס דעם ווילן פונעם שרייבער, די חתימה אויף דעם געבט די שטארקייט און די עקזיסטענץ פון די שטר. אזוי אויך לעניננו: די ברכה ווערט נישט באשטעטיגט נאר ווען עס ווערט גע'חתמ'עט מיט א אמן ('עוללות אפרים' ח"ג מאמר תס). אין 'אורחות חיים' (חלק א דין עניית אמן) ווערט געברענגט נאך א ערקלערונג אויף דעם אז גדול העונה אמן יותר מן המברך, לויט וואס די חכמים זאגן (פסחים נ א) אז מען מעג נישט ארויסזאגן די שם המיוחד פון הקב"ה - די שם הוי"ה - אזוי ווי עס שטייט געשריבן, נאר מען דארף עס ליינען כאילו עס איז געשריבן 'א-דני'. דערפאר אין דער צייט וואס דער מברך דערמאנט אין די ברכה נאר די שם א-דני, דער וואס ענטפערט אמן לייגט צו א רמז אויך אויף שם הוי"ה. ווייל 'אמן' איז גימטריה צ"א, אזוי ווי די גימטריה פון די שם המיוחד אזוי ווי עס ווערט געשריבן [הוי"ה] און אזוי ווי עס ווערט געזאגט [א.ד.נ.י.], וואס צוזאמען באטרעפן זיי די צאל פון צ"א. קומט אויס אז די 'אמן' איז משלים דעם נאמען פונעם אויבערשטן, דערפאר איז עס חשובער פון די ברכה.

מיינע ווערטער לערנען און דערציילן אונז ווי גרויס און חשוב איז די מעלה פון ענטפערן אמן. און דערפאר לאמיר מכיר טובה זיין פארן חשוב'ן און טייערער איד רבי יעקב דוב מארמארשטיין וואס טוהט א געוואלד צו איינווארצלען צווישן גאנץ כלל ישראל דער ענין פון ענטפערן אמן, בפרט נאך די ברכות השחר. און איך ווייס און איך בין עדות אויף דעם וויאזוי ער אליין איז מקפיד אויף דעם. ווען איך בין געווען אין ניו יארק און איך האב געדאווענט מיט מיין גאסטגעבער אין די בריזדאוויצער שוהל אין בארא פארק, האב איך געזעהן ווי ער דרייט זיך ארום נאנט צו צוויי שעה פארן דאווענען צו הערן פון יעדן איינעם די ברכות השחר, משלים זיין זייערע ברכות מיט ענטפערן אמן. ווען איך האב דאס געזען, האב איך פארשטאנען, אז ווייל ער איז א נאה דורש ונאה מקיים העלפט אים דער אויבערשטער ער זאל מצליח זיין און זיינע ווערטער זאל אנגענומען ווערן.

# אוצרות אמונים

## אמן מיט כוונה

חז"ל האבן זייער געווארנט איבער די חוב פון אינזין האבן בשעת'ן ענטפערן אמן, און אזוי ווי דער טור פארטייטש (או"ח סי' קכד) די ברייתא (ברכות מז א): "ולא יזרוק ברכה מפיו", די כוונה איז "שלא ימהר לאומרה שלא בכוונה", ער זאל זיך נישט איילן זאגן אן כוונה. דאס זעלבע איז די רייד פון ריש לקיש (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן", ערקלערט רש"י (שם ד"ה בכל) אז "בכל כוחו" איז טייטש בכל כוונתו.

אין דעם קאפיטל וועט פארגעשטעלט ווערן פאר די לייענער ארטיקלען פון פערל ווערטער, אויך שטראף-רייד און ווארענונגען פון די גדולי הדורות איבער די חוב פון אינזין האבן בשעת'ן ענטפערן אמן.

### איר הארבקייט צוליב איר גרינגקייט

דער זוהר הק' (וילך רפה ב) שרייבט זייער שארף איבער די הארבקייט פון די זינד פון ענטפערן אמן אן קיין כוונה, און שרייבט אז אויף דער וואס הערט א ברכה און האט נישט אינזין ביים ענטפערן אמן איז געזאגט געווארן דער פסוק (שמואל-א' ב ל): "ובוזי יקלו", קוק נאך דארטן אין זוהר ווי ער איז מאריך אין די גרויסע שטראף.

רבי משה זכות אין זיין פירוש אויפן זוהר (שם) ערקלערט די סיבה פארוואס דער וואס האט נישט אינזין ביים ענטפערן אמן ווערט אריינגערעכנט צווישן די מבזי ה' און ווערט געשטראפט מיט אזא הארבקייט: "ווייל 'אמן' איז א גרינגע זאך צו פארשטיין און אינזין האבן, ד.מ. די פשוט'סטע פון די סודות, אז די ווארט 'אמן' איז גימטריה הוי"ה און א-דני". דער רמ"ז לייגט צו און ערקלערט אז לויט דעם זוהר הק' אז דער פסוק "ובוזי יקלו" איז געזאגט געווארן אויף דער וואס האט נישט אינזין בשעת'ן ענטפערן אמן, פארשטייט מען די כוונה פון דער אר"י וואס האט געזאגט ('פרי עץ חיים' שער כוונת אמן) אז פון די סופי תיבות פון דער פסוק (תהילים פג יז): "מלא פניהם קלון", קען מען צוזאמשטעלן די ווארט 'אמן'.

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד די רעדאקציע 'וכל מאמינים'

שלום וברכה

אלס איינער וואס האט די זכי' פארשפרייטן יעדע וואך אייער גליון, זע איך וויפיל מענטשן ווארטן און פרייען זיך עס צו באקומען.

איך פיר זיך צו ווייזן אויף דעם אנגעזעענעם זאץ אין אייער גליון פון די באוואוסטע אגרת הרמב"ן: "וכאשר תקום מן הספר תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

און דא איז דער פלאץ צו אנווייזן, אז אין אייער גליון דארף מען נישט זוכן עפעס וואס מען קען מקיים זיין, די ווערטער אין אלע אפטיילונגען שרייען ארויס דעם קלארן דערהער: טייערע אידן: אכטונג! איר זענט אגאנצן טאג ארומגענומען מיט אוצרות פון 'אמן'. און איך נישט רעדט נישט פון די זמן פון זאגן 'ברכות השחר' מיט א חברותא יעדן אינדערפרי' וואס דעמאלטס איז עס א ווערד פון ביליאנען, ווי הרב שטיינמאן האט געזאגט.

עס מיר האט דערציילט א איד וואס איז אמאל געווען ביי א דרשה פון רבי שלום שוואדראן וועו ער האט גערעדט פון די ריזיגע שכר וואס א מענטש באקומט פאר יעדע אמן. צום סוף פון דער דרשה איז צו אים צוגעגאנגען איינער פון די צוהערער און געזאגט: איך בין א עני ואביון, און אויב די שכר פון איין אמן איז אזוי גרויס, זאל מיר דער אויבערשטער יעצט געבן די שכר פון איין אמן און איך וועל קענען חתונה מאכן מיינע קינדער בכבוד, און די שכר פון די אנדערע אמן'ס וועל איך באקומען אין עולם הבא.

רבי שלום האט אים געגעבן א קוק אן מיט זיינע קלוגע אויגן און געזאגט: מיין באליבטער איד, עס איז נישטא גענוג אויף דער גאנצער וועלט צו קענען צאלן די שכר פון איין אמן. די שכר פון ענטפערן אמן קען מען באקומען נאר אין עולם הבא.

און פון דעם קענען מיר לערנען א קל וחומר, אויב דאס איז געזאגט געווארן נאר אויף איין אמן, איר זענט דאך מעורר דעם גאנצן ציבור זיך צו מחזק זיין אין ענטפערן אמן, און אייער שטימע הערט זיך איבער די גאנצע וועלט: אידן, זאגט אמן! ווי גרויס איז די שכר וואס איז גרייט פאר אייך? אשרי חלקכם!

מיט גרויס שעצונג

ש.י

בית שמש

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימייל אדרעס: 9139191@gmail.com

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די ווערק פונעם בעל הילולא



דער נצי"ב פון וואלאזשין

# דער נצי"ב פון וואלאזשין

## כ"ח אב תרנ"ז

רבי נפתלי צבי יהודה בערלין איז געבוירן אין יאר תקע"ז צו זיין פאטער ר' יעקב אין שטעטל מיר. זייענדיג עלף יאר האט ער אנגעהויבן לערנען אין די וואלאזשינער ישיבה, און אין עלטער פון פערצן יאר איז ער אויסדערוועלט צו זיין דער איידעם פון דער ראש ישיבה רבי יצחק פון וואלאזשין.

אסאך יארן האט ער געלערנט מיט אן אויסטערלישן התמדה און עמקות. ווען זיין שווער איז נסתלק געווארן אין יאר תר"ט איז זיין ערשטער איידעם, רבי אליעזר יצחק פריד, אויפגענומען געווארן אלס ראש ישיבה, און דער נצי"ב איז געווארן זיין פארטרעטער. ביי די פטירה פון רבי אליעזר יצחק אין יאר תרי"ג, איז ער אויפגענומען געווארן צו דינען אלס ראש ישיבה.

אונטער זיין פירערשאפט איז די וואלאזשינער ישיבה געוואקסן און זיך צושפרייט ביז די איז באקאנט געווארן מיטן נאמען "אם הישיבות". די צאל תלמידים דארט האט זיך אין זיין צייט פארגרעסערט צו ארום פיר הונדערט תלמידים. דער נצי"ב האט זיך אינגאנצן איבערגעגעבן צו פירן די ישיבה, און מרביץ תורה זיין צווישן די בחורים ביז די איז פארשפארט געווארן דורך די רוסישע רעגירונג אין יאר תרנ"ב.

דאס פארמאכן פון די ישיבה, און וועלכע ער האט אריינגעלייגט זיין גאנצע לעבן האט פארערגערט זיין געזונט, און כ"ח אב אין יאר תרנ"ג איז דער נצי"ב נפטר געווארן אין ווארשא, און אויפצומארגנ'ס האט מען אים באערדיגט אין דעם אידישן בית החיים אין שטאט.

דער נצי"ב איז באקאנט מיט זיין טיפן פירוש 'העמק דבר' על התורה. אזוי אויך האט ער מחבר געווען א פירוש אויף שאילתות דרב אחאי גאון מיטן נאמען 'העמק שאלה', 'מרומי שדה' על הש"ס און נאך ספרים.

### א סמך מן התורה אויף ענטפערן אמן

דער נצי"ב פון וואלאזשין שרייבט אזוי: אנדערש פון זאגן ברכות וואס רוב פון זיי איז זייער חיוב נאר מדרבנן (ברכות לה א), איז אויף דער חיוב פון ענטפערן אמן דא א אסמכתא מן התורה. ווייל אזוי' דרש'ענען די חכמים (דברים לב ג): "'כי שם ה' אקרא' - מיטן זאגן א ברכה, זאל ענק 'הבו גודל לאלקינו' מיט ענטפערן אמן" (רש"י ברכות כא א ד"ה כי שם, ע"פ יומא לז א). און ווייל די חיוב פון ענטפערן אמן האט א סמך מן התורה, איז ענטפערן אמן גרעסער פון זאגן ברכות וואס זייער חיוב איז נאר מדרבנן, אזוי ווי די חכמים זאגן (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך" ('ברכת הנצי"ב' מכילתא בא פרשה טו).